Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

אָדר תּשס״ז/פֿעברואַר 2007

יאָר 12, נומער 3 (58)

# ווען די ווײַסל[1] האָט גערעדט ייִדיש : ייִדישע קולטור אין וואַרשע

וואַרשע איז לאַנג געווען דער סאַמע[2] וויכטיקסטער צענטער פֿון דער ייִדישער קולטור. עס האָט דאָרטן געבליט[3] די ליטעראַטור, דער טעאַטער און פּילם, די פּרעסע, די פֿאַרלאַגן[4]... פֿון 27סטן יאַנואַר ביז סוף[5] אַפּריל קומט פֿאָר אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער אַ קולטורעלער סעזאָן מיטן נאָמען „ווען די ווײַסל האָט גערעדט ייִדיש", געווידמעט דער ייִדישער קולטור אין וואַרשע. דער פּראָגראַם נעמט אַרום[6] אַן אויסשטעלונג פֿון צען טאָוולען[7], ביכער און צײַטשריפֿטן אַרויסגעגעבענע אין וואַרשע, צאָלרײַכע רעפֿעראַטן, פֿילמען, פֿאָרלייענונגען און קאָנצערטן.




ייִדן האָבן געוווינט אין וואַרשע זינט דעם 15טן יאָרהונדערט, נאָר די שטאָט איז געוואָרן דער סאַמע וויכטיקסטער ייִדישער צענטער ערשט[8] אין 19טן י״ה. אין די יאָרן 1880 האָט זיך די צאָל ייִדישע אײַנוווינער גוואַלדיק פֿאַרגרעסערט, צוליב אַ גרויסער עמיגראַציע פֿון די פּוילישע שטעטלעך און פֿון דער ליטע[9]. זיי האָבן געוווינט אין דער פֿאָרשטאָט פּראַגע[10] און אין וואַרשע גופֿא[11] (ווו דער סימבאָל פֿונעם ייִדישן פֿערטל איז געוואָרן די גאַס נאַלעווקעס). דאָס רובֿ[12] וואַרשעווער ייִדן האָבן דעמאָלט גערעדט ייִדיש, כאָטש[13] ס'איז אויך געווען שטאַרק די אַסימילאַציע־טענדענץ צו דער פּוילישער שפּראַך און קולטור. אויף ייִדיש האָט זיך אַנטוויקלט אַ ליטעראַטור און טעאַטער, נאָר אין אָנהייב איז עס דער עיקר[14] געווען שונד[15]. קעגן די אַסימילאַטאָרן און דעם שונד האָט זיך געשטעלט דער שרײַבער יצחק־לייבוש פּרץ[16] (1852-1915), „דער טאַטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור", וואָס איז אָנגעקומען אין וואַרשע אין 1886. זײַנע שאַפֿונגען אויף ייִדיש און העברעיִש – לידער, דערציילונגען, עסייען און דראַמעס, האָבן אינספּירירט דורות[17] ייִדן אין פּוילן און אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט אויך געשאַפֿן אין וואַרשע אַ קולטורעלע סבֿיבֿה[18] : געגרינדעט עטלעכע ליטעראַרישע צײַטשריפֿטן און דערמוטיקט[19] אַ סך יונגע טאַלאַנטן צו שרײַבן אויף ייִדיש. זײַן דירה[20] אויף דער גאַס צעגלאַנע נומ׳ 1 איז געוואָרן אַ מין „ליטעראַרישער סאַלאָן".

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה[21], ווען פּוילן איז צוריק געוואָרן אומאָפּהענגיק[22], האָט זיך אָנגעהויבן אַ בליצײַט[23] פֿאַר דער ייִדישער קולטור. אָנהייב 1920ער יאָרן האָט זיך אין וואַרשע באַוויזן דער ייִדישער אַוואַנגאַרד, מיט צײַטשריפֿטן ווי *כאַליאַסטרע*[24] צי *אַלבאַטראָס*, אַרויסגעגעבן פֿון די פּאָעטן אורי־צבֿי גרינבערג[25], פּרץ מאַרקיש[26] און מלך ראַוויטש[27]. אין ייִדישן טעאַטער האָבן געשפּילט אַזעלכע אַקטיאָרן ווי אסתּר־רחל[28] קאַמינסקאַ און איר טאָכטער אידאַ, די ברידער טורקאָוו צי אַבֿרהם[29] מאָרעווסקי. צענדליקער פֿאַרלאַגן האָבן אַרויסגעגעבן ביכער פֿון אַלע סאָרטן : בעלעטריסטיק[30], פּאָליטיק, געשיכטע, וויסנשאַפֿט[31], ווי אויך שולביכער פֿאַר די ייִדישע שולן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער צענטראַלער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ). עס זענען אַרויסגעגאַנגען צענדליקער צײַטשריפֿטן אויף ייִדיש (ווי די טאָגצײַטונגען *הײַנט* און *מאָמענט*). פֿון די ליטעראַרישע צײַטשריפֿטן איז די וויכטיקסטע געווען *ליטעראַרישע בלעטער* (1924-1939). דער צענטראַלער אַדרעס פֿאַר דער ייִדישער קולטור אין וואַרשע איז געווען דער „ייִדישער שרײַבער־ און

[סוף זײַט 8]

1. Vistule/Vistula 2. le plus/most 3. s'épanouissait/flourished 4. maisons d'édition/publishing houses 5. SOF fin/end 6. comprend/includes 7. panneaux/panels 8. seulement/only 9. Lituanie et Biélorussie d'aujourd'hui/area of today's Lithuania and Belarus 10. Praga (faubourg de Varsovie/suburb of Warsaw) 11. GUFE même/itself 12. ... ROV la majorité/most 13. bien que/although 14. ... IKER principalement/mostly 15. de bas niveau/trash 16. Yitskhok-Leybush Perets 17. DOYRES générations, *sing.* DOR 18. SVIVE milieu 19. encouragé/encouraged 20. DIRE appartement/apartment 21. MILKHOME guerre/war 22. indépendant/independent 23. épanouissement/blossoming 24. La Bande/The Gang 25. Uri-Tsvi Grinberg 26. Perets Markish 27. Meylekh Ravitsh 28. Ester-Rokhl 29. Avrom 30. littérature/literature 31. science

# סקאַנדאַל אין אויסטראַליע

פֿאַראַן[1] אַזעלכע לערער וואָס חלומען[2] שוין לאַנג וועגן דעם. אין אויסטראַליע האָט מען עס געטאָן...
אין מעלבורן זענען די לערערס פֿון אַ ייִדיש־צענטער געווען מיד כּסדר[3] צו הערן און צו לייענען די זעלביקע גרײַזן[4]. האָבן זיי נאָכגעפֿאָלגט אַ טענדענץ וואָס וואַקסט הײַנט צו טאָג אין אונדזער מאָדערנער געזעלשאַפֿט : דער צוריקקער צו די אַמאָליקע ווערטן[5]. און זיי האָבן פּשוט[6] באַשלאָסן צוריקצוברענגען פֿיזישע שטראָפֿן[7] ! אָט האָט איר אַ קליין בילד פֿונעם „צייכן־סיסטעם[8]“ אין די ייִדיש־קלאַסן פֿאַר דערוואַקסענע[9] : בײַם סוף[10] פֿונעם ערשטן יאָר : דער וואָס האָט אַ טעות[11] לייענענדיק אַ פּשוטן זאַץ, אָן לשון־קודשדיקע[12] ווערטער – דער קריגט אַ פּאַטש[13] ! בײַם סוף פֿונעם צווייטן יאָר : דער וואָס האָט אַ טעות אינעם זאַץ־סדר[14] : אַ פּראַסק[15] ! אינעם דריטן יאָר : ווער עס האָט אַ טעות אין דער דעקלינאַציע : אַ זעץ[16] !

איר קענט זיך פֿאָרשטעלן אַז די פּעטש האָבן אָפּגעקלונגען[17] נישט נאָר אויף די באַקן פֿון די אומגליקלעכע שלעכטע תּלמידים[18]. די ייִדיש־ליבהאָבערס פֿונעם גאַנצן לאַנד האָבן אויסגעשריִען אַז דער ייִדיש־צענטער דאַרף נישט אַזאַ מין רעקלאַמע[19]. די אויסטראַליער, וואָס האָבן שוין אַ שם[20] פֿון ווילדע מענטשן און תּמעוואַטע[21] אינדלערס[22] האָבן זיך שטאַרק אויפֿגערעגט[23] אַז איצט וועלן זיי אויך האָבן אַ שם פֿון פּײַניקערס[24]. די געזעלשאַפֿטן פֿאַר מענטשן־רעכט האָבן זיך אויך אַרײַנגעמישט : סוף־כּל־סוף[25] איז די זאַך אָנגעקומען פֿאַר אַ געריכט. דער ריכטער האָט אָבער באַשלאָסן אַז ווי באַלד[26] עס האַנדלט זיך וועגן פֿרײַוויליקע דערוואַקסענע, האָט קיינער נישט וואָס צו טענהן[27]. איצט זענען די ייִדיש־לערערס פֿון מעלבורן זייער צופֿרידן, ווײַל זיי האַלטן אַז די מעטאָדע אַרבעט גוט. ווער ווייס, אפֿשר[28] וועט זי זיך פֿאַרשפּרייטן... תּלמידים פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אײַך !

1. il y a/there are 2. KHO'LEMEN rêvent/dream 3. KESEYDER constamment/continually 4. erreurs/mistakes 5. valeurs d'autrefois/old-fashioned values 6. POSHET simplement/simply 7. châtiments corporels/corporal punishment 8. système de notation/grading system 9. adultes/adults 10. … SOF à la fin/at the end 11. TOES erreur/mistake 12. LOSHN-KO'YDESHDIKE d'origine hébraïque/of Hebrew origin 13. tape/slap 14. …-SEYDER ordre des mots/word order 15. gifle/smack 16. claque/punch17. résonné/resounded 18. TALMIDIM étudiants/students 19. publicité/publicity 20. SHEM réputation 21. TAMEVATE abrutis/stupid 22. surfers 23. irrités/upset 24. tortionnaires/torturers 25. SOFKL-SOF finalement/finally 26. puisque/since 27. TAYNEN se plaindre/complain 28. EFSHER peut-être/perhaps.





# אַלץ גייט גוט אין פֿראַנקרײַך

ס'איז געווען אַ צײַט ווען זשורנאַליסטן וואָלטן זיך געלאָזט הרגענען[1] צו געפֿינען די ערגסטע נײַעס. זיי זענען געפֿאָרן אַזש[2] אין עק וועלט כּדי[3] צו זײַן די ערשטע צו דערציילן די נײַסטע קאַטאַסטראָפֿע צי די בלוטיקסטע מלחמה[4]. דאָס אַלץ איז פֿאַרבײַ ! די נײַע טענדענץ : שרײַבן וועגן גוטע בשׂורות[5]. און דאָס – אין פֿראַנקרײַך – אַ דאַנק צוויי מענטשן וואָס האָבן געגרינדעט[6] צוויי באַזונדערע אַגענטורן. עליזאַבעט לאַוויל האָט געגרינדעט די אַגענטור „האָפֿענונג־קערנדלעך[7]“ : זי פֿאַראינטערעסירט זיך אין מענטשן וואָס נעמען אונטער פּראָיעקטן צו פֿאַרבעסערן דאָס לעבן. דער צווייטער אָפּטימיסט, קריסטיאַן דע באָאַרעדאָן, האָט געגרינדעט „רעפּאָרטערן פֿון האָפֿענונג“ : אָט די געזעלשאַפֿט העלפֿט די זשורנאַליסטן, וואָס ווילן אָנזאָגן פּאָזיטיווע נײַעס, צו געפֿינען צײַטשריפֿטן גרייטע צו דרוקן זייערע אַרטיקלען. דער ציל[8] פֿון ביידע אָנפֿירערס איז צו ווײַזן אַז מע קען געפֿינען לייזונגען[9]. זיי האַלטן אַז מע טאָר נישט אַנטמוטיקן[10] דעם עולם[11]. טייל מענטשן קריטיקירן אַזאַ שטעלונג טענהנדיק[12] אַז מע „פֿאַרזיסט“[13] די פֿאַקטן. די צוויי אָנפֿירערס פֿאַרענטפֿערן זיך[14], אַז עס גייט נישט אין[15] אַ נאַרישער גוטסקייט, נאָר עס גייט אין ווײַזן אַז מען איז נישט אומבאַהאָלפֿן[16] אַנטקעגן אַלע פּראָבלעמען. זיי האַלטן אַז די וואָס פּרוּוון פֿאַרבעסערן די וועלט זענען אָפֿט מער רעוואָלוציאָנער ווי אַנדערע. די טענדענץ פֿאַרשפּרייט זיך שוין איבער אַנדערע לענדער. פּעסימיסטן פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אײַך !

1. … HA'RGENEN se seraient fait tuer/would have risked their lives 2. jusqu'au/as far as 3. KEDE'Y afin de/in order to 4. MILKHOME guerre/war 5. PSURES nouvelles/news 6. fondé/founded 7. graines d'espoir/seeds of hope 8. but/aim 9. solutions 10. décourager/discourage 11. OYLEM public 12. TAYNENDIK arguant/arguing 13. édulcore/they sweeten 14. se justifient/justify themselves 15. il ne s'agit pas de/it's not a question of 16. impuissant/helpless.

# מאָדערנע ייִדישע קללות[1]

# פֿאַר אָנהייבערס

## פֿון אַנע ערשלער



בילדער : מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ ©

אַלע ווייסן, אַז ייִדיש האָט אַ סך שיינע און אינטערעסאַנטע קללות. ס׳איז פֿאַראַן אַרטיקלען און אַפֿילו[2] גאַנצע ביכער און ווערטערביכער מיט קללות אין מאַמע־לשון[3]. מען וואָלט געקענט מיינען : הײַנט צו טאָג איז דאָס לעבן געוואָרן לײַכט. פֿריִער האָט מען געמוזט קענען די קללות אויף אויסנווייניק[4], און איצט קען מען זוכן אין ווערטערבוך און שטענדיק געפֿינען אַ פּאַסנדיקע[5] קללה. די סיטואַציע איז אָבער ניט אַזוי פּשוט[6].

אמת[7], עס זענען פֿאַראַן קללות אין מאַמע־לשון, וואָס האָבן, דאַכט זיך, אַן אייביקע ווערט. „דײַן מויל זאָל זיך אויסדרייען“, „די צונג זאָל דיר אָפּפֿאַלן“, „אויסדאַרן זאָל בײַ דיר דער מוח[8]“ - די דאָזיקע קללות קען מען באַנוצן הײַנט צו טאָג אַזוי גוט ווי מע האָט זיי באַנוצט מיט הונדערט יאָר צוריק. נאָר אויב איר טוט אַ קוק אין סטוטשקאָווס *אוצר* [9] אָדער אין גוריס זאַמלונג[10], וועט איר זען, אַז אַ סך ייִדישע קללות, כאָטש[11] זייער שיין, זענען ניט אין גאַנצן מאָדערן. שטעלט זיך פֿאָר : איר זענט בייז אויף אײַערן אַ חבֿר[12]. צי וועט איר אים זאָגן : „אַ באַגעגעניש זאָלסטו האָבן מיט אַ קאָזאַק !“ ? מסתּמא[13] וועט איר דאָס ניט זאָגן : ווער האָט הײַנט מורא[14] פֿאַר קאָזאַקן ?

אָדער איר מיינט, אַז אײַער פֿרײַנד איז נאַריש ? אַן אָפּטע סיטואַציע ! נאָר נאַריש - ווי ווער ? אפֿשר[15] ווי דעם כעלעמער חזנס אינדיק[16] ? נאָר איידער איר באַנוצט דעם דאָזיקן שיינעם אויסדרוק, זאָגט מיר : צי האָט איר געזען איין איינציקן ייִד אין הײַנטיקן כעלעם ? און ווער שמועסט[17] פֿונעם חזן ? און ווער שמועסט פֿון זײַן אינדיק ?



ס׳איז אויך פֿאַראַן קללות, וואָס זענען ניט אַזוי שטאַרק פֿאַרעלטערט, נאָר זיי פּאַסן ניט פֿאַר אַלע סבֿיבֿות[18]. עס קען למשל[19] שווער געמאָלט זײַן[20], אַז נאָך אַ ייִדיש־קורס וועט אַ מיידל זאָגן צו אַ חבֿרטע[21] : „אין די קאַלטע ווינטערדיקע טעג זאָלסטו זיצן שיבֿעה[22], און אין די הייסע זומערדיקע טעג זאָלסטו גיין צו קינד !“.

וואָס זשע טוט מען, ווּ געפֿינט מען מאָדערנע ייִדישע קללות, וואָס פּאַסן פּונקט[23] פֿאַר תּלמידים[24] פֿון ייִדיש ? דאָ האָבן מיר פֿאַר אײַך אויסגעקליבן אַ פּאָר קללות, לייענט און באַנוצט געזונטערהייט !

– זאָלסט שרײַבן דעם „ג“ ווי דעם „ז“, דעם „ז“ ווי דעם „ג“, די ביידע וועלן דיר קומען צו חלום[25] און וועסט ניט קענען פֿונאַנדערשיידן איינעם פֿונעם אַנדערן !

– דעם אַלף־בית[26] זאָלסטו פֿאַרגעסן, די קמץ[27]־פּתח[28] זאָלסטו פֿאַרלירן, דער לאַנגער פֿאָ[29] זאָל בײַ דיר זײַן תּמיד[30] קרום[31] און דער לאַנגער צדיק[32] זאָל דיך טראָגן אויף די פּלייצעס !

– וועסט לייענען דעם שלאָס־מם[33] ווי דעם „ס“, דעם „ס“ ווי דעם שלאָס־מם, אַלע דײַנע וואַרעס[34] וועט אויפֿפֿרעסן אַ וואָרעם[35], אויס דײַן שויס[36] וועט ווערן אַ שוים[37], דו אַליין אויס אַטאָס[38] וועסטו ווערן אַן אַטאָם, וועסט גיין זוכן דײַן חבֿר דאַרטאַניאַן, נאָר וועסט ניט קענען אַרויס פֿון דײַן מאָלעקול !

נאָר איר זענט אפֿשר שוין אַן אַוואַנסירטער תּלמיד, אײַערע חבֿרים האָבן שוועריקייטן אין טיפֿערע פּונקטן פֿון דער ייִדישער גראַמאַטיק, און איר ווילט וויסן, ווּ קען מען געפֿינען קאָמפּליצירטערע קללות ? אָדער איר זענט שוין אַ מומחה[39], קענט שוין אַ סך קללות און זוכט נײַע און מאָדערנע אויסדרוקן ?

דאָ האָבן מיר פֿאַר אײַך אַ גוטע בשׂורה[40] :

זונטיק, דעם 4טן מאַרץ 2007 וועט אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער פֿאָרקומען אַן אינטענסיווער קורס פֿון ייִדישע קללות, מיט לעקציעס אויף דרײַ ניוואָען :

1. **אָנהייבערס** : מײַנע ערשטע ייִדישע קללות (עלעמענטאַרער וואָקאַבולאַר און נייטיקסטע אויסדרוקן).
2. **צווייטער ניוואָ** : שילטונגען[41], זידלווערטער[42] און צעווערטלענישן[43] (אויסגעברייטערטער לימוד[44] פֿון שילט־טעכניקעס אין דער גערעדטער און געשריבענער שפּראַך).
3. **אַוואַנסירטע** : דער לינגוויסטיק־סעמינאַר פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע זידלערס – „קללות וחרמות[45] און קללות נמרצות[46]“.

נאָך די לעקציעס וועלן אַלע תּלמידים קענען נעמען אַן אָנטייל אין אַ שילט־וואַרשטאַט[47]. די תּלמידים וואָס וועלן זיך אָנטרעפֿן אויף באַזונדערע שוועריקייטן אינעם לערנען וועלן נאָך מיטאָג אויך קענען אָנקומען צו די לערערס : מיט יעדן איינעם וואָס וועט דאָס פֿאַרלאַנגען וועלן די קאָמפּעטענטע לערערס פּראַקטיצירן די קללות אויף אַ פּערזענלעכן אופֿן[48]. נאָך דעם קורס וועלן אַלע אָנטיילנעמערס באַקומען אַן אָפֿיציעלן דיפּלאָם, אונטערגעשריבן און געחתמעט[49] פֿונעם פּאַריזער פּורים־רבֿ[50].



1. KLOLES malédictions/curses 2. AFILE même/even 3. ...-LOSHN Yiddish 4. par coeur/by heart 5. adapté/suitable 6. POSHET simple 7. EMES c'est vrai/it's true 8. MOYEKh cerveau/brain 9. OYTSER סטוטשקאָוו פֿון נחום *דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך* Thésaurus de/of Yiddish 10. Yosef Guri, *Let's hear only good news: Yiddish blessings and curses*, Jerusalem (2004) 11. bien que/although 12. KhAVER ami/friend 13. MISTOME probablement/probably 14. ... MOYRE a peur/is afraid 15. EFShER peut-être/maybe 16. ... KhAZNS ... le dindon du chantre de Chelm/the Chelm cantor's turkey 17. à plus forte raison/not to mention 18. SVIVES milieux 19. LEMOShL par exemple/for example 20. s'imaginer/to imagine 21. KhA'VERTE amie/(girl)friend 22. ShIVE les sept jours de deuil/seven days of mourning 23. précisément/precisely 24. TALMIDIM étudiants/students 25. KhOLEM rêve/dream 26. ALEF-BEYS alphabet 27. KOMETS le signe de la voyelle O/sign of vowel O 28. PASEKh signe de la voyelle A/sign of the vowel A 29. ... FEY nom de la lettre ף/ name of the letter ף 30. TOMID toujours/always 31. tordu (la lettre פֿ)/crooked (the letter פֿ) 32. ... TSADEK nom de la lettre ץ/ name of the letter ץ 33. ...-MEM nom de ם/name of ם 34. marchandises/wares 35. ver de terre/worm 36. giron/bosom 37. écume/foam 38. de Athos/from Athos 39. MUMKhE expert 40. PSURE nouvelle/news 41. malédictions/cursing 42. jurons/swearwords 43. altercations/quarreling 44. LIMED étude/study 45. KLOLES UKhRO'MES malédictions et anathèmes/curses and anathema 46. KLOLES NIMRO'TSES malédictions véhémentes/vehement curses 47. atelier/workshop 48. OYFN façon/manner 49. GEKhASMET avec le sceau/stamped 50. PURIM-ROV rabbin de pourim/Purim rabbi.

# שפּיל פֿאַר אָנהייבערס

באַלד קומט דער יום־טובֿ[1] פּורים[2]. פּורים פֿאַלט אויס דעם 14טן אָדר[3] (אינעם ייִדישן קאַלענדאַר). הײַיאָר[4] וועט דאָס זײַן דעם 4טן און 5טן מאַרץ. ס׳איז אַ פֿריילעכער יום־טובֿ, ווען מע מעג זיך פֿאַרווײַלן[5] אַזוי פֿיל ווי מע וויל : פֿאַרשטעלן זיך[6], טאַנצן, זינגען, און אַפֿילו[7] טרינקען ! אַזוי ווי עס איז זייער צוגעפּאַסט[8] זיך צו שפּילן, האָבן מיר צוגעגרייט[9] גאַנצע צוויי זײַטן מיט גרינגע שפּילן.



# אַ פּורים־מעשׂה[10]

בײַ נאַכט אין שטעטל. אַלץ איז שטיל. די מענטשן שלאָפֿן געשמאַק[11] אין זייערע בעטן. די בהמות[12] שלאָפֿן אין פֿעלד און די הינער[13] אין הינערהויף. די פֿייגל דרעמלען[14] אין די נעסטן און די זשאַבעס[15] אין דער סאַזשלקע[16]. נעכטן איז אָנגעקומען אין שטעטל דער צירק. אין צירק איז דאָ אַ לייב[17] און אַ בער[18]. זיי שלאָפֿן אין די שטײַגן[19]. נאָר די סאָווע[20] שלאָפֿט ניט. זי זיצט אויף אַ בוים און קוקט זיך אַרום. זי הוקעט[21].

די חיות[22] ווייסן ניט אַז די דאָזיקע נאַכט איז דער 14טער אָדר. ס׳איז פּורים. אָבער עמעצער[23] ווייסט דאָס יאָ. ס׳איז דער פּורים־לץ[24]. ער באַהאַלט זיך[25] אין וואַלד און ער וואַרט. אין מיטן נאַכט שפּרינגט ער אַרויס און לאָזט זיך אין שטעטל אַרײַן. ער גנבֿעט זיך אַרײַן[26] אין אַלע הײַזער, אין אַלע שטײַגן, אין וואַלד און אין פֿעלד, אין וואַסער און אין דער לופֿט. און ער טוט זײַנע פּורימדיקע שטיפֿערײַען[27]. דערנאָך באַהאַלט ער זיך ווידער. ער וואַרט. ווען דאָס שטעטל כאַפּט זיך אויף[28] אין דער פֿרי, דערהערן זיך אַזעלכע קלאַנגען[29] :

| | |
|---|---|
| דער הונט מיאַוקעט | דער הונט ............ |
| די קאַץ קוואָקעט | די קאַץ ............ |
| די קו[30] קרייט | די קו ............ |
| דאָס פֿערד ברומט | דאָס פֿערד ............ |
| דער שעפּס[31] גאָגערט | דער שעפּס ............ |
| דער חזיר[32] קוואַקעט | דער חזיר ............... |
| דער לייב וואָרקעט | דער לייב ............... |
| דער בער הוקעט | דער בער ............... |
| די הון מוקעט | די הון ............... |
| דער האָן[33] כרוקעט | דער האָן ............... |
| די גאַנדז[34] בלעקעט | די גאַנדז ............... |
| דער פֿויגל גרילצט | דער פֿויגל ............... |
| די טויב[35] בילט | די טויב ............... |
| די גריל[36] ברילט | די גריל ............... |
| די זשאַבע צוויטשעט | די זשאַבע ............... |
| און די אַלטע סאָווע, נעבעך[37], אַנשטאָט צו | די סאָווע............... |

שלאָפֿן, זיצט זי אויף אַ צווײַג[38] און הירזשעט !

ווען דער פּורים־לץ האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך צעלאַכט אַזוי שטאַרק, אַז ער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זײַן בוים און זיך צעבראָכן אַ פֿוס[39]. אַ שיינע ריינע כפּרה[40] ! איצט העלפֿט די חיות צוריקצובאַקומען זייערע אייגענע שטימען[41] !

[ענטפֿערס אויף ז׳ 5]

מיר דערמאָנען אונדזערע געטרײַע
לייענערס אַז אין דער
זשורנאַליסטישער שפּראַך רופֿט מען
אַן אויסגעטראַכטע נײַעס אַ...
„קאַטשקע“. און פּורים פּאַסט זיך
זייער גוט פֿאַר אַזעלכע שפּילן !



1. YONTEV fête/holiday 2. PURIM 3. … ODER le 14 du mois d’Adar/14th of the month of Adar 4. cette année/this year 5. s'amuser/enjoy oneself 6. se déguiser/disguise oneself 7. AFILE même/even 8. approprié/suitable 9. préparé/prepared 10. PURIM-MAYSE histoire de Pourim/Purim story 11. sur leurs deux oreilles/soundly 12. BEHEYMES bétail/cattle 13. poules/hens *sing.* הון 14. sommeillent/are dozing 15. grenouilles/frogs 16. mare/pond 17. lion 18. ours/bear 19. cages 20. chouette/owl 21. hulule/hoots 22. KHAYES bêtes/animals 23. quelqu’un/someone 24. PURIM-LETS lutin de Pourim/Purim clown 25. se cache/hides 26. GANVET… se faufile/sneaks in 27. farces/pranks 28. s’éveille/wakes up 29. sons/sounds 30. vache/cow 31. mouton/sheep 32. KHAZER cochon/pig 33. coq/rooster 34. oie/goose 35. colombe/dove 36. grillon/cricket 37. la pauvre/poor thing 38. branche/branch 39. jambe/leg 40. … KAPORE bien fait pour lui ! /serves him right! 41. voix/voices.

# מער שפּילן פֿאַר אָנהייבערס

אָט האָט איר נאָך צוויי שפּילן – אַ רעטעניש[1] און אַ ווערטערשפּיל. ביידע קומען פֿון *גרינינקע ביימעלעך*, אַ קינדער־זשורנאַל פּובליקירט אין ווילנע צווישן ביידע וועלט־מלחמות[2]. די ענטפֿערס וועט איר געפֿינען אונטן.

## אַ רעטעניש

וואָס איז דאָס ?

ברידערלעך צוויי
זײַנען זיי ;
גלײַך אין איין ריי[3]
זיצן זיי ;
איינער דעם צווייטן
טוען זיי באַגלייטן[4] ;
ווײַנען און לאַכן,
שלאָפֿן און וואַכן[5],
קוקן און וואַנדערן[6],
נאָך איינער דעם אַנדערן
זעען ניט זיי.
ווער זײַנען זיי ?

## ווערטערשפּיל

מע דאַרף אַרײַנשרײַבן אין די קעסטעלעך[7] פֿון דער טאַבעלע די אותיות[8] : ל – וי – מ – פֿ – ז.
אַזוי אַז מע זאָל אין די פֿיר ריכטונגען[9] (דיאַגאָנאַל) קענען איבערלייענען פֿיר ווערטער.



1. devinette/riddle 2. ...-MILKHOMES guerres mondiales/world wars 3. rangée/row 4. s'accompagnent/are together 5. veillent/stay awake 6. se promènent/wander 7. cases/squares 8. OYSYES lettres/letters, *sing.* OS 9. directions.




1. MILKHOME guerre/war 2. KHOYDESH mois/month 3. fondé/founded 4. SHLOYME 5. AFILE même/even 6. à l'étranger/abroad 7. KHAVEYRIM amis/friends 8. MAYSES histoires/stories 9. décoré/decorated 10. Khaim Nakhman Bialik (1873-1934) poète yiddish et hébreu/Yiddish and Hebrew poet 11. MOYSHELEKH 12. SHLOYMELEKH.



## גרינינקע ביימעלעך

די באַקאַנטסטע קינדער־צײַטשריפֿט אויף ייִדיש אין פּוילן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה[1] איז זיכער געווען *די גרינינקע ביימעלעך* פֿון ווילנע (1927-1939). ס'איז געווען אַ חודש־[2] און שפּעטער אַ צוויי־וואָכן־זשורנאַל, געגרינדעט[3] דורך אַ באַקאַנטן ווילנער פּעדאַגאָג, שלמה[4] באַסטאָמסקי. טויזנטער קינדער איבער גאַנץ פּוילן און אַפֿילו[5] אין אויסלאַנד[6] פֿלעגן עס אָבאָנירן אָדער לייענען בײַ חבֿרים[7]. אין יעדן נומער האָט מען געקענט געפֿינען טעקסטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וויציקע מעשׂיות[8], בריוו פֿון לייענערס און שפּילן, דאָס אַלץ באַפּוצט[9] מיט שיינע אילוסטראַציעס. דער נאָמען „גרינינקע ביימעלעך“ קומט פֿון ביאַליקס[10] ליד געווידמעט ייִדישע קינדער : „אונטער די גרינינקע ביימעלעך שפּילן זיך משהלעך[11], שלמהלעך[12]“.



**ענטפֿערס פֿון זײַט 4 :**
דער הונט בילט, די קאַץ מיאַוקעט, די קו מוקעט, דאָס פֿערד הירזשעט, דער שעפּס בלעקעט, דער חזיר כרוקעט, דער לייב ברילט, דער בער ברומט, די הון קוואָקעט, דער האָן קרייט, די גאַנדז גאָגערט, דער פֿויגל צוויטשעט, די טויב וואָרקעט, די גריל גרילצט, די זשאַבע (און די קאַטשקע !) קוואַקעט, די סאָווע הוקעט.
**ענטפֿער אויף דער רעטעניש :** די אויגן.
**ענטפֿער אויפֿן ווערטערשפּיל :** פֿויל, לויף, מויז, זוים.
**אונדזערע קאַטשקעס :** זײַט וויסן אַז די „נײַעס“ פֿון אויסטראַליע אויף זײַט 2 זײַנען פֿאַלש, אויסגעטראַכט, און אין גאַנצן ניט אמת ! דער קללות־סעמינאַר איז אויך אויסגעזויגן פֿון פֿינגער. אַלע אַנדערע אַרטיקלען זײַנען ערנסט. אַ פֿריילעכן פּורים אַלעמען !

פֿאָרווערטס

אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס דעם 22סטן דעצעמבער 2006



# אַפֿישן[1] פֿון אַרגענטינער ייִדישן טעאַטער

פֿון איציק גאָטעסמאַן

דער ייִדישער טעאַטער האָט געבליט[2] נישט נאָר אין ניו־יאָרק און אין מיזרח[3]־אייראָפּע ; איינער פֿון זײַנע צענטערס במשך[4] פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט איז געווען אַרגענטינע, ווו צענדליקער טויזנטער טעאַטער־ליבהאָבער זענען געווען געטרײַ דער אָרטיקער[5] ייִדישער בינע[6]. אַ גרעסערע צאָל טרופּעס, סײַ אייגענע, סײַ די, וועלכע זענען געקומען צו גאַסט, האָבן געוווּסט, אַז דער ייִדישער אַרגענטינער טעאַטער־עולם[7] נעמט זיי וואַרעם אויף[8].

דאָס יאָר האָט די אַרגענטינער „ייִוואָ[9]־פֿונדאַציע“ אַרויסגעגעבן אַ קאָלירטן בילדער־אַלבאָם – *אויספֿאַרקויפֿט : ייִדישע טעאַטער־אַפֿישן פֿון אַרגענטינע*[10] – אונטער דער רעדאַקציע פֿון סילוויאַ האַנסמאַן, סוסאַנאַ סקוראַ און גאַבריעלאַ קאַגאַן. דאָס בוך באַווײַזט די פֿאַרשיידנאַרטיקייט[11], ווי אויך די פֿאַרשפּרייטקייט[12] פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין דער אַמאָליקער אַרגענטינע.

אין 1945 האָט דער אַרגענטינער „ייִוואָ“ געשאַפֿן אַ טעאַטער־קאָמיסיע, [...] צו זאַמלען סיסטעמאַטיש די טעאַטער־מאַטעריאַלן. אינעם אַרכיוו האָט מען צונויפֿגעקליבן מער ווי צוויי טויזנט סקריפּטן, כמעט[13] דרײַ טויזנט אַפֿישן און פּראָגראַמען, און הונדערטער פֿאָטאָגראַפֿיעס און רעצענזיעס[14]. עס געפֿינען זיך דאָרטן אויך צענדליקער פּריוואַטע פּאַפּירן פֿון די אַקטיאָרן. [...]

דער עלטסטער אַפֿיש שטאַמט פֿון יאָר 1901 און איז מודיע[15] אַ פֿאָרשטעלונג פֿון *קוני־לעמל* פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען[16]. די אַנדערע אָפּערעטעס פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען ווי *די באָבע מיטן אייניקל* האָט מען אויך פֿאָרגעשטעלט, בפֿרט[17] אין דער ערשטער תּקופֿה[18] פֿונעם אָרטיקן ייִדישן טעאַטער, נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה[19]. אין דער זאַמלונג האָט מען אויך אַרײַנגענומען בילדער פֿון עטלעכע בוענאָס־אײַרעסער טעאַטער־זאַלן. [...]

ווי אין אַנדערע צענטערס פֿונעם ייִדישן טעאַטער, האָט מען אין אַרגענטינע געשפּילט סײַ דראַמעס פֿון אַ מער ליטעראַרישן זשאַנער[20], סײַ פּיעסעס פֿון דעם „סעקאָנד־עוועניו“[21]־זשאַנער. אין איין טעאַטער האָט מען אויפֿגעפֿירט פֿיר אַזוינע „שונד“[22]־דראַמעס אין דער זעלביקער צײַט - *טיר נומער 2, גאָט פֿון ליבע, אוי אַ שוויגער*[23], *געלד, ליבע און שאַנדע*[24].

דער רעפּערטואַר פֿונעם אַרגענטינער ייִדישן טעאַטער האָט אַרײַנגענומען קלאַסישע דראַמעס פֿון דער וועלט־ליטעראַטור ווי







פֿרידריך שילערס *די רויבער*. אָבער אַ וויכטיק אָרט אינעם טעאַטער־רעפּערטואַר האָבן פֿאַרנומען אָריגינעלע פּיעסעס וועגן דעם אַרגענטינער ייִדישן לעבן. אין 1919 האָט מען געשפּילט *נקמה*,[25] פֿון *אינדיאַנער* פֿון י. ש. ליאַכאָוויצקי. אין דעם ווערק באַקענט זיך אַ ייִדישע משפּחה[26] אין פּאַטאַגאָניע מיט די טעהועלטשער אינדיאַנער, און מיט זייער שעף, נאַנקורו. [...]

אינעם בוך *אויספֿאַרקויפֿט* ווערט דערציילט, דורך די אַפֿישן, אַ וויכטיקער קאַפּיטל פֿון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע ; דאָס בוך פֿאַרמאָגט אַן אוצר[27] פֿון מאַטעריאַלן, וואָס ס'איז כּדאַי[28] איבערצולייענען מער ווי איין מאָל.

1. affiches/posters 2. s'est épanoui/blossomed 3. MIZREKh de l'Est/Eastern 4. BEMESHEKh pendant/during 5. local 6. scène (théatrale)/stage 7. ... OYLEM public 8. אויפֿנעמען accueillir/welcome 9. YIVO ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט 10. *Sold Out : Yiddish Theater Posters in Argentina*, Buenos Aires (2006) 11. diversité/diversity 12. expansion/breadth 13. KIMA'T presque/nearly 14. critiques/reviews 15. ... MOYDIE annonce/announces 16. AVROM Goldfaden (1840-1908) 17. BIFRA'T spécialement/especially 18. TKUFE époque/period 19. MILKHOME guerre/war 20. genre 21. théâtre de boulevard/popular theater 22. pièces sans valeur/worthless plays 23. belle-mère/mother-in-law 24. honte/shame 25. NEKOME vengeance/revenge 26. MISHPOKHE famille/family 27. OYTSER trésor/treasure 28. KEDA'Y vaut la peine/worthwhile.

# ייִדישע ביכער פֿון בערלין

## פֿון מיכאל[1] קרוטיקאָוו

אָנהייב 20ער יאָרן איז בערלין געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פֿון דער ייִדישער קולטורעלער אַקטיוויטעט. דערצו זײַנען געווען עטלעכע סיבות[2], סײַ פּאָליטישע און סײַ עקאָנאָמישע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה[3] און דער בירגער־קריג אין רוסלאַנד האָבן זיך קיין בערלין אַ לאָז געטאָן שטראָמען[4] עמיגראַנטן און פּליטים[5] פֿון כּלערליי מינים[6]. צווישן זיי זײַנען געווען צענדליקער טויזנטער ייִדן פֿון רוסלאַנד און פּוילן. צו יענער צײַט האָט די אַלגעמיינע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער דײַטשישער הויפּטשטאָט באַטראָפֿן 170 טויזנט נפֿשות[7]. [...] אַ סך מענטשן, צווישן זיי שרײַבער, קינסטלער, געזעלשאַפֿטלעכע טוער[8] און סתּם[9] ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר[10], זײַנען געקומען קיין בערלין זוכן גליקן[11]. צוליב דער ריזיקער אינפֿלאַציע אין די יאָרן 1921–1923 איז דאָס לעבן אין דײַטשלאַנד געווען גאַנץ ביליק פֿאַר די וואָס האָבן באַקומען הכנסה[12] פֿון אויסלאַנד ; בפֿרט[13] פֿאַר די ייִדישע ליטעראַטן, קינסטלער און זשורנאַליסטן. די „גוטע צײַטן“ האָבן געדויערט ניט לאַנג : די דײַטשישע עקאָנאָמיע האָט זיך בהדרגה[14] סטאַביליזירט, די סאָוועטישע מאַכט איז געוואָרן שטאַרקער, און אין די יאָרן 1925–1926 איז בערלין געוואָרן אויס[15] צענטער פֿון ייִדישער קולטור.

די געשיכטע פֿון דער ייִדישער פֿאַרלעגערישער טעטיקייט[16] אין בערלין שפּיגלט אָפּ די דאָזיקע אַנטוויקלונג. בסך־הכּל[17] זײַנען אין דער שטאָט אַרויס בערך[18] 360 ביכער־טיטלען, אַ העלפֿט פֿון זיי אין די יאָרן 1922–1923. דאָס לעצטע בוך אויף ייִדיש האָט זיך באַוויזן אין בערלין אין 1936. [...] די געשיכטע פֿון דער ייִדישער קולטור אין בערלין האָט צוגעצויגן דעם אויפֿמערק פֿון עטלעכע פֿאָרשער[19]. אָבער צום ערשטן מאָל באַקומען מיר איצט אַ רעלאַטיוו פֿולן אַנאָטירטן קאַטאַלאָג פֿון די ייִדישע פּובליקאַציעס, וואָס זײַנען דערשינען אין דער שטאָט צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דאָס רובֿ[20] ייִדישע פֿאַרלאַגן[21] האָבן פֿונקציאָנירט נאָר אַ קורצע צײַט און אַרויסגעגעבן דורכשניטלעך[22] פֿיר־פֿינף טיטלען. בלויז אייניקע פֿאַרלאַגן – אַזעלכע ווי „כּלל[23]־פֿאַרלאַג“, „וואָסטאָק“, „וועלט“ האָבן פֿאַרמאָגט אַ ממשותדיקע[24] פּראָדוקציע. דער סאַמע פּראָדוקטיווסטער צווישן זיי איז געווען „כּלל־פֿאַרלאַג“, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן 41 טיטלען.

דער נאָמען פֿון מאַריאַ קין־לודעוויג איז באַקאַנט אין דער וועלט פֿון דער דײַטשישער ביבליאָגראַפֿישער פֿאָרשונג [...]. דאָס נײַע ווערק אירס, דער קאַטאַלאָג *ייִדישע ביכער פֿון בערלין, (1918-1936)* איז, בלי־ספֿק[25], אַ וויכטיקער בײַטראָג[26] אין דער ייִדישער ביבליאָגראַפֿיע. ייִדישע ביכער פֿון יענער תּקופֿה[27] זײַנען צעזייט און צעשפּרייט איבער פֿאַרשידענע ביבליאָטעקן פֿון אייראָפּע,




אַמעריקע און ישׂראל, און אייניקע פֿון זיי זײַנען שוין מער ניט בנמצא[28]. די אַרכיוון און דאָקומענטן פֿון די פֿאַרלאַגן זײַנען נעלם געוואָרן[29]. צו די סאַמע באַקאַנטסטע פּובליקאַציעס פֿון דער בערלינער תּקופֿה געהערן די ווערק פֿון ייִדישע מאָדערניסטן : דער נסתּר[30], דוד בערגעלסאָן[31], לייב קוויטקאָ[32], משה קולבאַק[33], ווי אויך די פּעריאָדישע צײַטשריפֿטן און אילוסטרירטע ביכער. אָבער דער זשאַנער־דיאַפּאַזאָן[34] פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין בערלין איז געווען גאַנץ ברייט : דאָ געפֿינט מען אַ גרויסע צאָל איבערזעצונגען, דער עיקר[35] פֿון דײַטש (בערך[36] פֿופֿציק פּראָצענט), ווי אויך פֿון רוסיש און העברעיִש. חוץ[37] דעם, האָט מען אַרויסגעגעבן אויך פּאָליטישע, פּעדאַגאָגישע, וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור און ביכער פֿאַר קינדער. [...] דער קאַטאַלאָג איז פֿאַרפֿאַסט[38] געוואָרן אויפֿן סמך פֿון[39] עטלעכע גרויסע ביבליאָטעקן : ייִוואָ, מעדעם־ביבליאָטעק, אוניווערסיטעטישע ביבליאָטעקן אין ירושלים[40], בערלין, מינכן, טריר, פֿראַנקפֿורט און דיסלדאָרף, ווי אויך עטלעכע אַנדערע ביבליאָטעקן. [...]



1. MIKhOEL 2. SIBES raisons/reasons 3. MILKhOME guerre/war 4. *ici* vagues/streams 5. PLEYTIM réfugiés/refugees 6. KO'LERLEY MINIM toutes sortes/all sorts 7. NEFOShES âmes/souls 8. militants/activists 9. STAM simplement/just plain 10. Juifs ordinaires/ordinary Jews 11. *ici/here* leur bonheur/their fortune 12. HAKhNOSE revenus/income 13. BIFRA'T en particulier/particularly 14. BEHADROGE peu à peu/gradually 15. cessé d'être/no longer 16. activité éditoriale/publishing activity 17. BESAKhAKL en tout/in all 18. BEEREKh environ/about 19. chercheurs/researchers 20. … ROV la plupart/most 21. maisons d'édition/publishing houses 22. en moyenne/on average 23. KLAL 24. MAMO'ShESDIKE substantiel/substantial 25. BLI-SOFEK sans aucun doute/doubtless 26. contribution 27. TKUFE époque/period 28. BENIMTSE disponibles/available 29. NELM … disparus/disappeared 30. Der Nister (1884-1950) 31. Dovid Bergelson (1884-1952) 32. Leyb Kvitko (1890-1952) 33. Moyshe Kulbak (1896-1937) 34. gamme de genres/range of genres 35. … IKER surtout/mainly 36. BEEREKh environ/about 37. KhUTS à part/aside from 38. composé/drawn up 39. … SMAKh … sur la base de/based on 40. YERUShOLAIM Jérusalem.

## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר
איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : ............................................ קרעדיט־קאַרטע־נומער : ..................................
אַדרעס : ............................................ אויסגאַנג[4]־דאַטע : ..................................
............................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA
בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-… poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# איטשע גאָלדבערג



איטשע גאָלדבערג, אײנער פֿון די לעצטע פֿיגורן פֿון דער בליצײַט[1] פֿון דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע, איז געשטאָרבן דעם 27סטן דעצעמבער 2006 אין ניו־יאָרק, אין עלטער פֿון 102 יאָר. זײַנע אַ תּלמידה[2] האָט אָנגעשריבן פֿאַרן *ייִדישן טעם־טעם* די ווײַטערדיקע דערמאָנונגען.

איטשע גאָלדבערג, באַקאַנט ווי אַ רעדאַקטאָר און אַ שרײַבער, איז אויך געווען אַ מײַסטער־לערער, און איך בין צווישן די גליקלעכע וואָס האָבן זיך בײַ אים געלערנט ייִדישע ליטעראַטור. ווען מיר האָבן אים געהערט צום ערשטן מאָל, זײַנען מיר געווען איבער־געראַשט[3] וואָס פֿאַר אַ רײַכע און עלעגאַנטע שפּראַך ער רעדט. דערפֿון האָבן מיר געקראָגן חשק[4] אַ קוק צו טאָן אין אַ ייִדיש ווערטערבוך ! זײַנע אידעען וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן אונדז אינספּירירט.

איך האָב אים אויך געקענט ווי דער דירעקטאָר פֿון דער זשיטלאָווסקי־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער דערציִונג. במשך[5] פֿון מער ווי 40 יאָר איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל *ייִדישע קולטור*, וואָס האָט פֿאַרנומען זייער אַ וויכטיק אָרט אין דער ייִדישער פּובליקאַציע־וועלט. ביז צו זײַן 100סטן געבוירן־טאָג איז ער יעדן טאָג געגאַנגען אין ביוראָ. ער האָט געשריבן קינדער־ביכער פֿאַר די פֿאָלקסשולן אין טאָראָנטאָ, פֿילאַדעלפֿיע און ניו־יאָרק, און אויך צוויי ביכער עסייען. דערצו נאָך איז ער געווען אַ פּראָפֿעסאָר פֿאַר ייִדישע לימודים[6] אין דער קווינס אוניווערסיטעט[7].

איטשע גאָלדבערג איז געבוירן געוואָרן אין אַפּט[8] (פּוילן). די משפּחה[9] האָט זיך אין 1914 באַזעצט אין וואַרשע, ווו איטשע איז געגאַנגען אין אַ מאָדערנער ציוניסטישער[10] שול, און שפּעטער אין אַ סעמינאַר פֿאַר לערערס. אין 1920 האָבן די גאָלדבערגס אימיגרירט קיין קאַנאַדע, און אין 1932 זענען זיי אַוועק קיין ניו־יאָרק. בײַם אָנהייב איז איטשע געווען אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג קינדער־שולן. ווען דער אינטערנאַציאָ-נאַלער אַרבעטער־אָרדן איז געגרינדעט געוואָרן, איז ער געוואָרן דער דירעקטאָר פֿונעם ייִדישן אָפּטייל[11]. אין יענער צײַט זײַנען געווען אין די שולן מער ווי 80 000 שילער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן[12] און אין קאַנאַדע ! איטשע האָט געוואָלט באַקענען די שילער מיט די אוצרות[13] פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ווי די ווערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים[14], שלום־עליכם[15], פּרץ[16], און אַנדערע שרײַבער. אַגבֿ[17], האָט איטשע אונדז דערציילט אַז ער איז געווען אויף פּרצעס לוויה[18] אין וואַרשע אין 1915.

איטשע גאָלדבערג איז געווען אַן אָפּטימיסט. ער האָט תּמיד[19] געקעמפֿט פֿאַר זײַן באַליבטער ייִדישער ליטעראַטור, און פֿאַרן ווײַטער־לעבן פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דורך איר עקסיסטענץ, האָט ער געגלייבט, וועט די קולטור אָנגיין. ער וועט אונדז פֿעלן.

*שוירלי סוקאָ*

1. *ici* printemps/blossoming 2. TALMIDE étudiante/student 3. étonnés/amazed 4. KHEYSHEK envie/desire 5. BEMESHEKH pendant/during 6. LIMUDIM études/studies 7. Queens University 8. Opatow 9. MISHPOKHE famille/family 10. TSIENI'STISHER sioniste/Zionist 11. département/department 12. Etats-Unis/United States 13. OYTSRES trésors/treasures 14. MOYKHER-SFORIM 15. SHOLEM-ALEYKHEM 16. PERETS 17. AGEV d'ailleurs/by the way 18. LEVAYE enterrement/funeral 19. TOMID toujours/always.

[סוף פֿון זײַט 1]

זשורנאַליסטן פֿאַראיין"[32] אויף טלאָמאַצקע 13, ווו מע האָט געקענט טרעפֿן באַרימטע שרײַבער – זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, אַלטער קאַציזנע, די ברידער זינגער, איציק מאַנגער און אַנדערע.

פֿאַרן חורבן[33] האָבן געלעבט אין וואַרשע איבער 390 000 ייִדן (אַן ערך[34] אַ דריטל פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג[35]). אַ קליינער טייל פֿון זיי האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען[36], דאָס רובֿ זענען אומגעקומען[37] אין די טויט־לאַגערן אָדער אין וואַרשעווער געטאָ. נאָך דעם ייִדישן אויפֿשטאַנד אין 1943 און דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד אין 1944, איז די שטאָט געווען אין גאַנצן צעשטערט. סוף 1940ער יאָרן האָבן די פּליטים[38] אָנגעהויבן זיך אומצוקערן אין וואַרשע און צו אָרגאַניזירן דאָרטן פֿון דאָס נײַ אַ קולטור־לעבן : דעם ייִדישן מלוכה[39]־טעאַטער, דעם פֿאַרלאַג „ייִדיש־בוך", און עטלעכע ייִדישע צײַטשריפֿטן. אין 1968, בשעת[40] אַ גרויסער אַנטיסעמיטישער כוואַליע, האָט די מלוכה פֿאַרמאַכט דאָס רובֿ ייִדישע אינסטיטוציעס און געצוווּנגען אַ סך ייִדן צו עמיגרירן. ערשט נאָכן סוף פֿונעם קאָמוניסטישן רעזשים אין 1989 האָט מען געקענט פֿרײַ שאַפֿן ייִדישע אינסטאַנצן און אַנטוויקלען אוניווערסיטעט־פֿאָרשונגען[41] וועגן דער געשיכטע און קולטור פֿון פּוילישע ייִדן.

32. Association d'écrivains et journalistes yiddish/Yiddish Writers' and Journalists' Club 33. KHURBN Shoah 34. … EREKh environ/approximately 35. population 36. se sauver/escape 37. péri/perished 38. PLEYTIM réfugiés/refugees 39. MELUKHE d'Etat/state 40. BESHA'S au cours/during 41. recherches/research.




דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער *ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אליעזר, אַניק, יצחק, מאַרי, מאַרינאַ, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com